קריטיק I (1920) העפט 3, 7–16

ווי עס זעהט אָבער אויס זייער אמת'ער פּנים, דערצעהלט אונז אַזאַ ידיעה: די יודישע דעפּוטאַטען אין ליטווישען פּאַרלאַמענט אין קאָוונע האָבען געפֿאָדערט מ'זאָל זיי דער־לויבען צו ריידען רוסיש, אָדער יודיש. דער ליטווישער פּאַרלאַמענט האָט אָבער דערלויבט צו ריידען נאָר יודיש, ווייל יודיש פֿאַרשטעהען כמעט אַלע ליט־ווישע דעפּוטאַטען...

אָ, זייט רוהיג, אַ יאָר צייט וועט נישט אַוועק — און זיי וועלען ריידען ליטוויש! קאָן האָבען אַ האָפֿנונג אַ פֿאָלק, וואָס האָט אַזאַ אינטעליגענץ?

ניין! כל זמן ער, דער צוריקגעקומענער, וועט שטעהן ביי אונז בראש, וועט זיין אונזער ווענ־ווייזער, סיי ווען ער וועקט אין אונז דעם מכבי־העלד, סיי ווען ער זוכט דעם סינטעז פֿון בעש"ט און הייגטמאַדישער אידעאָלאָגיע אָדער גנב'עט זיך אַריין צו אונז און רעדט מיט אונז אויף אונזער שפּראַך — שטעהט פֿאַר אונז, אַלס פֿאָלק, די גרעסטע געפֿאַר: די געפֿאַר פֿון גייסטיגער אימפּאָטענץ און פּסיכישער פֿאַרווירונג.

איבעראַל און אומעטום; אין אייראָפּע, אין אַמעריקע און אין פּאַלעסטינאַ: צום קאַמף קעגען דעם צוריקגעקומענעם אינטעליגענט, קעגען דעם פּאַראַדיסט־פּיליסטער! אויף זיין אָרט מוז קומען דער עכטער פֿאָלקס־אינטעליגענט. זיין טיפּוס זעהט מען שוין אָפּט אין דער יודישער, אַרבייטער־באַוועגונג. ער וועט קומען, ער מוז קומען פֿון אינ־ווייניג, פֿון פֿאָלק גופא, — און מיט איהם אונזער גענעזונג.

# משה גראָס / פֿאָרם־פּראָבלעמען אין דער יודישער ליטעראַטור

II

דאָס אומגעלומפּערטסטע גראָטעסקע פֿאַרזעהעניש, וואָס האָט זיך ווען עס איז אויסגע־כאָוועט אין דער דושנער גייסט־פּאַרע פֿון קאָנספּיראַטיווע און דאָך אויבערדישע, ספּערישע ליטעראַטען, איז דער עקספּרעסיאָניסטישער „רעוואָלוציאָנער", יענער קליינ־בירנער, וועלכער פּלאָנטעט זיך דאָס גאַנצע לעבען אַרום צווישען די געפֿערליכסטע, פּאַרפּיערישע גייסטיגע לעבענס־פּראַזען, צומישט און תמ'עוואַטע, ווייכט פֿאַרזיכטיג אויס אויף אַלע זייטען, שעהמט זיך רעכטס און האָט מורא לינקס, ביז — ביז ער פֿאַלט אַמאָל בידנע אַריין אין „עקסטאַזע", און דעמאָלט, אָ! דעמאָלט קעמפּט ער נעבאַך כמעט ווי אַ לייב: ער שרייט! ער שרייט מיט אַלע כחות, ער ליאַרעמט, פּילדערט, ער ווערט אַ רעוואָלוציאָנער. קיין שום קאַמף איז איהם דעמאָלט נישט צו שווער און פֿון קיין סכנות לאָזט ער זיך להלוטין נישט איבערשרעקען, בעזונדערס נישט פֿון קיין גייסטיגע. דאָ האָט ער סתם קיין מורא נישט. דאָ וויל ער אַליין דערגרייכען, אַליין. ער וויל קודם כל די גרויסע איבערקעהרעניש — פֿון אינעווייניג אַרויס, נאַטירליך — די נייע פֿאָרמען, דאָס שטאַרקע וואָרט, דעם מעכטיגען געדאַנק, דעם נייעם, אָבער אויך דעם אַלטען גאָט, די פֿרישע נשמה — ער קען זיך פֿאַרגינען!

דער גייסטיגער קליינבירגער איז שטענדיג אַן אידעאַליסט. ער בלייבט קיינמאָל נישט שטעהן ביי קיין האַלבע פּאָסטולאַטען און ער מאַכט נישט קיין פּשרות. וואָרין צו וואָס אייגענטליך? זיין פּאָזיציע איז פֿעסט און זיכער. ער שטעלט נאָר נישט איין אין קאָן, קען אַלזאָ נאָר נישט אָנווערען, אין אדרבה: ער האָט פֿון דעם גאַנצען ענין נאָך גרויס הנאה: ער מאַכט מיט! ער איז אויך „פֿון דער קאָמעדיע". ער מאַכט



קעגן אין זיך, יונג־ווילנע און [illegible]

זאווילינישע מינאָריעס, לאָזט זיך באַנלאָצען פֿון אַלע זייטען און מוז דאָך נישט טאַנצען אויפֿ'ן שטריק. ער שטעהט זיך אין סאַמע מיטעלפּונקט פֿון דער וועלט — דאָס דאָזיגע מיזערנע בעל הבית'על — שרייט, געוואַלדעוועט ווי אַ נישט גוטס, האָט זועלטשמאַרץ ביז צום משוגע ווערען און איז דאָך אינערליך אַזוי אומבאַטיילינט—דער אמת'ר וועלטשמאַראָצער.

דער קליינבירגער איז אַ העלד. ער „קען" זיך מקריב זיין. ער ווייסט, אַז דאָס „גליק" ליגט נישט תמיד דוקא אין כח און ער זאָגט זיך גרויסמוטיג אָב פֿון דעם דאָזיגען מאַטעריאַליסטישען רעקוויזיט. ער האָט ליעב די „אידעע"! ער גלויבט אין דער וועלט, אין דער מענשהייט, אין דעם „פּראָגרעס". ער איז נישט קליינליך. ער האָט אַ הוש פֿאַר דעם זיג פֿון דער טעכניק, האָט די פרומסטע התפּעלות פֿאַר וויסענשאַפֿט און וזערט סענטימענטאַל ביי דער בלויזער פֿאָרשטעלונג, אַז ער שווימט מיט'ן עלעקטרישען שטראָם.

דער קליינבירגער איז אַבער בטבע אויך אַ יוד, אַ קאָסמישער קאָך-לעפֿעל, און אַלס אַזאַלכער איז ער ממילא אויך שוין אַ לירִיקער און אַן עקספּרעסיאָניסט. פֿאַר וואָס נישט? ער האָט דאָס אַלץ „אין זיך". ער בעדאַרף נישט קיין עקסטערע קוואַליפֿיקאַציעס צו דעם דאָזיגען „פֿאַך". ער „איז" — און דאס איז גענוג. ער איז דער אָנפֿירער פֿונ'ם עקספּרעסיאָניזם און ער מאַכט די רעוואָלוציע געגען דער נאַטור. דער קליינבירגער פֿאַראַכטעט די נאַטור. ער האָט ליב די „נשמה" און וועהרט זיך מיט אַלע אברים געגען דער נאַטור, צו וועלכער ער האָט נישט קיין אינערע באַציהונג. וועלכע שרעקט איהם אין איהר גראַנדיאָזער גרויסקייט, וועלכע לאָזט איהם פֿיהלען זיין זוינציגקייט און מיאוסקייט, מיט וועלכער ער קען זיך זעליש „נישט קיין עצה געבען". ער איז דערפֿאַר געגנג כיטרע און „עמאַנציפּירט" זיך פֿון דער נאַטור. ער וויל זיין פֿריי! מען דאַרף נישט מעהר קיין נאַטור — זאָגט מען אין לאָהו! מיר זענען אַליין באַשעפֿענישען פֿון דער נאַטור — „מיר זיינען"! וואָס טויגען אונז די גשמיות'דיגע חושים? מיר האָבען די נשמה!

עס איז דער „בונד פֿון די שוואַכע". עס איז דער ביז צום הימעל שרייענדיגער באָר פֿון הייזעריגע ליטעראַטור-סטאַטיסטען, עס איז דער שוואַרצער באַטאַליאָן נישט געדרוקטע גייסטער, וועלכע קומען ווערגען די נאַטור.

און באמת: וואָס פֿאַר אַן אַנדערע ברירה האָבען דען די דאָזיגע היסטערישע קאַרליקעס, זועלכע דראַפּען זיך דאָס גאַנצע לעבען אָהן כח אויף דעם הארטען אָלימפּ און קענען איהם קיינמאָל נישט דערגרייכען, ווי צו רעוואָלטירען געגען דער נאַטור? אַזוי ווערען זיי כאָטש — ווען זיי האָבען ערפֿאָלג — די „שקצים" פֿון דער ליטעראַטור און פֿאַרזיכערן זיך לכל הפּחות אַ געוויסען גראַד פֿון אומשטערבליכקייט, כאָטש ביים לעבען. וואָרין עס איז קלאָר, אַז קיין שום זאַך אימפּאָנירט דעם המון נישט אַזוי שטאַרק ווי דאָס גרויסע מויל און פֿאַר קיינעם אין דער וועלט האָט דער אָרימער המון נישט אַזאַ טיפֿען דרך ארץ, ווי פֿאַר יענעם פּוסטען נאַר, וועלכער שטעלט אַרויס אַ קולאַק צום הימעל און שילט גאָט אין טאַטען אַריין. דאָ האָט אויך אַזויצוזאָגען דער „משה פּובליקוס" געלעגענהייט „צו מיטווירקען", און פֿאַר דעם איז ער דאַנקבאַר. עס איז איין איינציגע גרויסע געמיינשאַפֿט פֿון דילעטאַנטען-אַמאַטאָרען: די, וואָס מאַכען דעם שפּיל און די, וואָס קוקען זיך צו.

בשעת דער קאַמף פֿון די „יונגע" — אימפּרעסיאָניסטען — געגען דער אבגעשטאַנענקייט פֿון די השכלה-עפּיגאָנען האָט זיך אבגעשפּילט אין ריין ליטעראַרישער ספֿערע, זוייט פֿון דער גאַס און אָהן איהר באַטיילינונג, וועט עס די עקספּרעסיאָניסטען אָהן

אַ ספק געלינגען, ארויסצוטראָגען דעם קאַמף — פֿון די „יונגסטע" געגען די „יונגע" — אויף אַ ברייטער אַרענאַ און צו באַטייליגען דאבײַ אויך דעם „ליבען לעזער". וואָרין דעם אמת געזאָגט, דער ליבער לעזער האָט זיך ממילא שוין שטאַרק געלאַנגווײַלט און ער וואָלט שוין גערן, פֿון הארצען גערן, אויך געמאַכט אַ שטיקעל קאָזשאָליק, אַ דריגע געטוּן אָביסעל.

און דאָ ליגט אויך דער עיקר, וועלכער שיידט פֿונאַנדער דעם אימפּרעסיאָניזם פֿון דעם עקספּרעסיאָניזם, נישט נור אין זייער וועזענטליכען מהות, נור קודם כל אין די מאָטיווען פֿון זייער זײַן און ווערען. דער אימפּרעסיאָניזם בשעתו האָט גאָר נישט אויפֿגעטוּן קיין נייעס. ער האָט נישט געמאַכט קיין רעוואָלוציע אין דער קונסט, נור אדרבה, זיין אויפֿגאַב איז געווען אויסשליסליך אַ רעסטאַראַטיווע. נאָך דער פֿארגליווערטקייט, אומפּערזענליכקייט פֿון די דיכטער פֿון דעם פֿאַר־אימפּרעסיאָניסטישען פּעריאָד האָט דער אימפּרעסיאָניזם געפּרובט ווידער דערהויבען די בעדייטונג פֿון דער אינדיווידואַליטעט, פֿון דער שאַפֿערישער פּערזענליכקייט. דער אימפּרעסיאָניזם האָט צוריקגעפֿיהרט די קונסט צוּן איהר מקור: צו דער קינסטלערישער אינדיווידואַליטעט. דערמיט האָט זיך דער אימפּרעסיאָניזם קיינמאָל נישט איינגערעדט, צו שאַפֿען „אַ נייע שולע". ער האָט נור ממשיך געווען די אַלטע קונסט־טראַדיציעס, וועלכע זענען כאַראַקטעריסטיש פֿאַר אַלע קולטור־פֿעלקער און פֿאַר אַלע צייטען.

דער אימפּרעסיאָניזם אַלס באַזונדערע קונסט־ריכטונג האָט אייגענטליך קיינמאָל נישט עקזיסטירט. ווייל באמת עקזיסטירט אין דער קונסט נור איין ריכטונג און איין קריטעריום: דאָס איז עכטקייט! אַזוי לאַנג דער דיכטער איז נישט עכט, נישט אויפֿריכטיג, נישט פּערזענליך, מעג ער רעדען מיט טויזענד צונגען, וועט איהם קיינער נישט גלויבען זיין „נייע אויסדרוק־פֿאָרם". און אַז דער דיכטער איז נישט עכט, באַווייזט ער קודם כל דורך זיין פּאַנישען פּחד פֿאַר דעם פּשוטען וואָרט, אין וועלכען ער פֿיהלט זיך נישט גענוג זיכער, אין וועלכען ער האָט מורא, „דערקענט" צו ווערען, און דורך זיין פֿאַרצווייפֿעלטען אנטרינען ווערען אין יענע פֿרעמדע ספֿערען פֿונ'ם נייעם עטאָם, פֿונ'ם קאָסמישען מיסטעריום, צו וועלכען עס פֿיהרט איהם נור איין איינציגער וועג: די גאָונישע אומפֿאַרשטענדליכקייט. די דאָזיגע אומפֿאַרשטענדליכקייט האָבען די עקספּרעסיאָניסטען אנטוויקעלט צוּן אַן איינענער קונסט־קאַטעגאָריע. מען בעבעט מיט סיסטעם. מען פּאָנפּעט „נייע קונסט". „מען" פֿאַרשטעהט נישט. אָבער מען פֿאַרשטעהט שוין נאָר פֿאַרוואָס די דאָזיגע היקעוואַטע שאַרלאַטענעס האַלטען עס בדיעבד פֿאַר גלייבער. מען זאָל נישט פֿאַרשטעהן. זיי ווייסען פֿאַרוואָס. זיי ווייבען אָבער נישט, אַז די אומפֿאַרשטענדליכקייט אין דער קונסט טאָר קיינמאָל נישט געהן אַזוי ווייט, אַז דער פּראָסטער לעזער זאָל אָפּט נישט פֿאַרשטעהן דעם פּשוטען פּרוש־המלות:

דיזיגע אַבאַזשורען פֿון רויטען גראַניט
באַשירעמען דיינע מיראַזשען,
וואָס רייצען מיין פֿאַרשייטקייט.
דו, דער שטאַרקערער פֿון מיר,
נאַרסט מיך
מיט פֿאַלשע אָרנאַמענטען פֿון כריזאָליטען און טורמאַלינען
אויף באַלאָנען פֿון גאָלד א. אז. וו.

(בערנאַרד לואיס „אין דר")

ס'איז אַ ביטער רחמנות, און נאָך מעהר רחמנות איז נאַטירליך אויף דעם אָרימען דיכטער. וואָרין ער מיינט געבאָך זיכער, אַז אָט אין דעם בל־עד־לשון ליגט דער טיעפֿער סוד, דאָס וועלט־מיסטעריום. באמת אָבער ליגט דער סוד און דאָס וועלט־מיסטעריום

קיינמאָל נישט אינ'ם פלאָנטער. ער מוז ליגען דוקא אין דער קלאָרקייט, אין דעם פשטות. דאָס פאָלקסליעד האָט כמעט תמיד אַ שורה, אַ וואָרט, אַ שפּראַך־ניואַנס, וועלכער ריהרט אָן דירעקט דאָס געניאַלע, אייביגע, כאָטש זיין פאָרם איז אזוי אָרים, אזוי פשוט. קונסט איז בעצם אזוי פשוט און קלאָר, אז דער עולם פאַרשטעהט זי ממילא נישט. דאַצו איז להלוטין נישט נויטיג די עקספּרעסיאָניסטישע צומישעניש.

און ווען מען זאגט: דאָס דאָזיגע עקספּרעסיאָניסטישע שטום־לשון איז אָבער פאָרט — צי מען וויל, צי נישט — דער קינסטלערישער אויסדרוק פון דעם נייעם דור. און עס האָט נישט קיין שום זין, וועגען דעם צו דיסקוטירען אָדער נאָר צו באַווייזען זיין שעדליכקייט, אזוי מוז מען אויף דעם ענפערן: שטום־לשון, נייער אויסדרוק? גוט! אבער דער דאָזיגער „נייער אויסדרוק“ מוז דאָך — און וועגען דעם העלפט זוידער נישט קיין שום דיסקוסיע — מוז דאָך לכל הפחות מאַכען וועלכען עס איז קינסטלערישען רושם. מען וויל דאָך קיינעם נישט איבעררעדען. מען פאַרלאַנגט דאָך נישט קיין אמונה אין דעם שטום־לשון. אזוי לאַנג אָבער די „גרויסע אומפאַר־שטענדליכע“ האלטען, אַז ליטעראַטור איז נישט קודם כל שפּראַך־קונסט, ד. ה. די קונסט איבערצולעבען טאַקי דעם גרויסען פלאָנטער פון געפיל, טאַקי דאָס קאָסמישע מיסטעריום אין דער שפּראַך, אזוי לאַנג וועט דאָס הייסען — געבעבעט אהן לשון („גערעדט מיט צונגען“).

באמת אָבער איז נאָך פאַרהאַנען אַ טיפער חלוק צווישען דעם עקסטאַטישען „רעדען מיט צונגען“ פון די אַלטע קריסטען למשל, אָן וועלכע דער היינטיגער עקספּרעסיאָניזם לעהנט זיך איינענטליך אָן, און דעם מאָדערנעם שטום־לשון. די נאַטור־פרעמדקייט פון דעם מיטעלאַלטערליכען קינסטלער איז געווען נאַאיוו און די אַנאָנימיטעט פון דער נאַטור, וועלכע ער האָט געפאָדערט צוליב זיין איבערפערזענליכען גלויבען, איז ביי איהם געווען גאַנץ אומבאַוואוסט און אָהן אַ באַזונדערער כונה. ער האָט נישט פאַר־לייקענט די נאַטור, ער האָט זי בלויז — נישט געזעהן. ביי איהם איז אלזאָ דאָס אזויגערופענע „רעדען מיט צונגען“ געווען די נאַטירליכע קאָנסעקווענץ פון זיין באַציהונג צו דער וועלט.

אַנדערש דער עקספּרעסיאָניסט. ער לעבט יאָ איבער די נאַטור, אָבער מיט דער בונה תחילה, זי צו אונטערדריקען „אין זיך“. זיין נאַטור־פרעמדקייט איז באַוואוסט און זיין שטום־לשון ראַפינירט. ער איז אַנטי־נאַטוראַליסטיש. ער פאַרלייקענט די רעאַליטעט פון דעם לעבען און דערמיט פאַרלייקענט ער, אפשר אומבאַוואוסט, אויך זיין קינסטלערישע אינדיווידואַליטעט. אין דעם אימפּרעסיאָניזם, וועלכער טיילט צו דעם קינסטלער אַסך אַ באַשיידענערען ראָל ווי דער עקספּרעסיאָניזם, פאַרנעמט דאָך די קינסטלערישע פּערזענליכקייט דעם ערשטען פּלאַץ אין דעם שאַפונגס־פּראָצעס. דער אימפּרעסיאָניסטישער קינסטלער איז דאָס פּריזמא, אין וועלכען עס ווערען געזאַמעלט, גערייניגט, געדיכטעט די עלעמענטען פון דעם לעבען, און וועלכען זיי ווערען דיכטונג, לעבעדיגקייט. ער ציהט ארויס דאָס אבסאָלוטע, אייביגע פון דער ענגשאַפט פון די אויסערליכע ערשיינונגען. ער איז דער באַשעפער פונ'ם לעבען, דער פאַרווירקליכער. דאַגעגען שטעהט די קונסט פון דעם עקספּרעסיאָניזם אויף דער מדרגה פון אומפּערזענליכקייט. דער עקספּרעסיאָניסט איז נישט דער געשטאַלטענדער כח אין דער נאַטור. ער איז נור דער קאַליידאָסקאָפּ וועלכער וויקעלט פונאַנדער די גאַנצע סעריע פון בילדער, וויזיאָנען, ווי זיי שטעהן פאַר זיין אויג, אָהן דער פּערזענליכער השפּעה אויף זיי, ד. ה. אָהן דער פולמאַכט, צו



Impressionism – personal, individual
Expressionism – impersonal

דיספּאָנירען איבער דעם דאָזיגען פּאַנאָראַמאַ, עס איבערצושאַפֿען בצלמו, בדמותו. זיין קונסט איז מעהר אַ קינעמאַטאָגראַפֿישע, אַ מעכאַנישע.

און טאַקי דערפֿאַר פֿיהלט זיך ביים עקספּרעסיאָניסט דער היפּער־נערוועזער, אָבער אָהנמעכטיגער דראַנג, דוקא צו שטעלען זיין פּערזענליכקייט אינם פֿראָנט פֿון וועלט־געשעהן. עס פּייניגט איהם דער היסטערישער שרעק, נישט הלילה פֿאַרזעהן צו ווערען, נישט צו פֿאַרלירען דעם אנשלוס צו דער „אייביגקייט". און אָט דאָס דאָזיגע שטופּען דעם אייגענעם פּאַרשוין פֿון פֿאָרענט מאַכט דעם מאָנדעם איינדרוק פֿון קבצנישער קליינבירגערליכקייט.

און נאָך עפּיס האָט דער עקספּרעסיאָניסט בשותפות מיט'ן קליינבירגער. דאָס איז: דער אומבאַדינגטער פֿאַרלאַנג נאָך „אינהאַלט" אין דער פּאָעזיע. „אויב דער אינהאַלט — הייסט עס אין איינעם פֿון די אַמעריקאַנער אינטראַספּעקטיוויסטישע מאַניפֿעסטען, „איז זיך" יאַנואַר 1920 — דאַרף זיין אַ נול, אַ שטימונגעל, שעהן און גלאַטיג אנגעשריבען, טאָ, וואָס פֿאַר אַ קונץ איז דאָס?" דער דאָזיגער הריפות־דינער זאָג באַווייזט כאַראַקטעריסטיש, וואָס פֿאַר אַ השנה אינטראַספּעקטיוויזם האָט פֿון קונסט. די „הוילע" שטימונגען זענען פֿאַר די אינטראַספּעקטיוויסטען צו ווייניג, צו נישטיג. זיי ווילען „געדאַנקען", זיי ווילען „זאַכען", עפּיס אזעלכס און אזוינס... איך ווייס נישט, צי סאיז דאָ „געדאַנק", צי ס'איז פֿאַרהאַנען „אינהאַלט" אין אָט די וואונדערליך־פּשוטע, וואונדערליך־טיפֿע פֿערזען:

## אין קוני איילאַנד

משה לייב, משה לייב,
ס'איז ניט פֿון ווידענס פֿעלד דאָס שיקסעל, וואָס דו זעהסט,
פֿון וואַנען דען? פֿון היע.
דאָס הייסט — אַ פֿויגעלע פֿון אַ בראָדוועיער נעסט
איז זי? — — —
קען זיין.

און אפשר גאָר
איז זי אַזאַ, וואָס טאַנצט די האָנאלולו־טענץ
אין קוני איילאַנד דאָ
און אַלע נאַכט באַוואַרפֿט מען זי מיט גאָלד און קרענץ —
אַ יאָ? — — —
קען זיין.

און אפשר גאָר
האָט זי אַ מאַן אַ לאָרד, וואָס טראָגט אַ ווייסען באָרד
און וואוינט אין אַ האָטעל,
וואו שטייך, ווי וואַקס־פֿיגורען, שטעהן די דינער דאָרט
ביים שוועל? — — —
קען זיין.

אויב יאָ אזוי,
פֿאַרוואָסזשע קומט דער לאָרד ניט אויך אהער צוגעהן,
פֿאַרוואס? וואו איז ער, וואו?
צי איז ער אויך אַליין, משה לייב, אזוי אַליין
ווי דו? — — —
קען זיין.

(משה לייב האַלפּערן, אמעריק. אידישע אַנטאָלאָגיע.)

און ביי מיר איז קלאָר, אַז דער „יונגסטער" ליטעראַטור־אידעם וועט זיך דאַביי טון אַ זעהר פֿאַראַנטוואָרטליכען קוועטשש מאי קא משמע לן? וואָס קומט ער מיך דאָ

צו לאָזען הערען? און ער וועט דאגעגען זעהר וואויל וויסען, וואָס ער קומט איהם צו לאָזען הערען, ווען עס וועט זיך לאָזען הערען למשל דער לאָדזער בראָדערזאָן בזה הלשון:

„ס'נשמה'לע פון שטאָדט איז בלינד ווי אַ משומד".

(„פּערל אויפן ברוק", זייט 44)

— און טאַקי טויב ווי אַ שניידער.

דאָ האָט ער נאַטירליך אַ פולען קאָפּ אינהאַלט. דאָ פיהלט באַלד אַ יעדער: אָט האָט ער איהם אנגעריהרט די רעכטע סטרונע פון דער נשמה, אָט האָט ער נעזאָגט דאָס אמת'ע וואָרט. וואָרין מען טאָר נישט פאַרגעסען: דער עקספּרעסיאָניסט האַלט גאָר נישט פון דער אַלטמאָדישער שאַבּלאָנישער קאָנצענטרירטקייט, פון די „צאַצקעס". ער וויל דאָס לעבען גופא! ער וויל דעם גאַנצען טומעל, וואָס „ווערט אין דער איצטיגער צייט פון גרויסשטאָט און וואַריעטעט אויף אַלע געביטען נאָך מעהר קאָמפּליצירט און פאַרפּלאָנטערט". און אָט האָט ער איהם:

מעטאַל, גראַניט, געדויש, געבראַזג, געפּילדער.
אויטאָמאָבילען, הויך־באַהן, טיעף־באַהן, קאַר.
בודלעסק, גראָטעסק, קאַפּעען, קינאָ־בילדער.
עלעקטעריש ליכט און גרילצענדען ווירוואַר.

(א. לעיעלעס, ליעדער.)

דאָס דאָזיגע אזויצוזאגען געדיכט האָט אייגענטליך נעקאָנט זיין אַסך לענגער. עס זענען דאָך פאַרהאַנען אַחוץ מעטאַל און גראַניט, אויטאָמאָבילען און באַהנען א. אז. וו. אויך געוויסע לעבעדיגע זאכען, ווי למשל בהמות און מענשען, פערד און אינטראָספּעקטיוויסטען, וועלכע קומען דאָך אָהן אַ ספק אַריין אין דער אַסאָציאַציע, ליינענדיג די דאָזיגע פערזען. און ווי הייסט עס דאָרט אין דעם דערמאַנטען מאַניפעסט („אין זיך"):

ער זוכט „די אַסאָציאַציע און די סוגעסטיע צו מאַכען פאַר די דיכטערישע הויפּט־מיטלען, ווייל ער האַלט, אז זיי זיינען אַם פּאַסיגסטען און אַם בעסטען אויסצודריקען די קאָמפּליצירטע געפיהלען און עמפינדונגען פון דעם היינטיגען מענש". און ער האַלט ווייטער, אז „פונקט ווי די היינטיגע צייט האָט באַשאַפען נייע קליידער, נייע וואוינונגען, נייע פאַרבען־קאָמבינאַציעס, נייע קלאַנגען־קאָמבינאַציעס, אַזוי מוז מען שאַפען אַ נייע קונסט, אין אנדערע נייע ריטמען, פרייע פערזען, נייע, פרייע. — —

„אין זיך" איז אויסער זיך. סטייטש, דער היינטיגער מענש! און די היינטיגע צייט! עס איז אַן אַלטע ערפינדונג פון דעם קליינבירגערליכען פילאָזאָף, אז „מיר לעבען אין אַ צייט" און באַזונדערס, אז דער היינטיגער מענש לעבט אין אַ היינטיגער צייט. אין דעם קען קיינער נישט צווייפלען און דאָס לאָזט זיך אויך ליידער נישט אנדערש מאַכען. אבער אין וואָס מען קען אודאי און אודאי צווייפלען, איז: צי איז עס דען באמת כדאי צוליב דעם היינטיגען מענש, וועלכער לעבט טאַקי אין דער היינטיגער צייט, מקריב צו זיין די אייביגע קונסט, וועלכע לעבט אין דער אייביגער צייט?

און צי איז ווייטער כדאי, צו דערקוטשען דעם אָרימעם לעבען מיט דעם לאָדזער בראָדערזאָנ'ס פאַרפּלאָנטעטע צער־ליליען און מיט זיין זעהר אויפריכטיג באַצייכענטען צווייטען ציקל פון זיינע „פּערל אויפן ברוק", — „הבל הבלים"? אָט דער פאַרוויינטער ליליען־צער־עוויטש מיט זיינע גייסטיגע בראָדערברידער און מיט די טויזענד זייבערישע גראַפאָמאַנסבילען פון לאָדז, וועגען וועלכע ער האָט אין זיינע „הבל הבלים" מסתמא נור פאַרגעסען צו דערצעהלען, אז ס'איז צווישען זיי נישטאָ איינע

אַ רעכטע — אָט דער שלש סעודות־ראָמאַנטיקער — און דערמיט איז אפשר אנגעצייכענט בערך זיין דיכטערישער שטח — האָט זיך דוקא אונטערגענומען, צו מאכען די רעוואָלוציע אין דער יודישער פּאָעזיע, ז׳ צו פירען אויף נייע וועגען, אויף די וועגען פון „יונג־אידיש״ און אָט ווי אזוי ער פירט זי:

דער הימעל געגליכען — אַן עצבות־מגילה
איז איצטער צעוויקעלט . . . מיט שטערן באַצירט.
און ס׳זענגען די שטערן בסתר׳דיג שטילע.
דער הימעל געגליכען — אַן עצבות־מגילה.
און איך אין מיין קיטעל געהילט — אין מיין תפילה.
איך זיך און איך נישטער, פון שטערן פארפירט . . .
דער הימעל געגליכען — אין עצבות־מגילה
איז איצטער צעוויקעלט, מיט שטערן באַצירט.

(בראָדעריזאָן „פערל אויפן בריק״).

און איך ווייס באמת נישט, צי האָט דער דאָזיגער לאָזוער עקספרעסיאָניסט מעהר שייכות מיט׳ן עקספרעסיאָניזם, ווי בלויז די געהייליגטע טאַלענטלאָזיגקייט, וועלכע פאַראַרבט זיך מיט נאַטורגעזעצליכער נויטווענדיגקייט פון איינעם אויפ׳ן אַנדערן, נאָך ביים לעבען, און ווענען וועלכער דער אנדערער מעג זיך שטענדיג מיט רעכט איינרעדען, אז ער איז נאָך׳ן ערשטען ווידער אַמאָל — דער ערשטער. זוארין וואו זענען די גרעניצען פונ׳ם אבסאָלוטען נ אָ ר נ י ש ט. און ווער ווייס עס וואַנען, נישט צו גלויבען דעם תלמיד, אז אויך ער, פון זיין זייט, האָט דעמזעלבען פאטענט אויף אימפּאָטענץ ווי זיין רבי — און דאָס טאַקי פון דעמזעלבען קוואַל:

הייליגע . . .
אייביג וויל איך זאלסטו מעדעל בלייבען,
אייביג בליהען זאָל דיין בתולה־פריהלינג,
אינ׳ם שוים פון יוגענד־מלכות
אייביג . . .

(חיים קרול לאָרז — „געזאנגען״ I).

אָט אזוי איז נעביך מתפלל, און פועלט נישט מן הסתם איינער פון דעם „יונג־אידישען״ קליינוואַרג, איינער פון יענע אומפרייוויליגע פּאַראָדיסטען, וועלכע מאַכען דאָס אזוי קונציג, אזוי „עכט״, אז זיי דערגרייכען מיט זייער זעהר טראַגישער פּאָעזיע אָפט אַ — הומאָריסטישען ערפאָלג. זיי דערמאָנען שטענדיג אין יענע אסך באַשיידענע און זיכער אויך קלוגערע צאַפּעס, וועלכע מע־ע־עקען אזוי געטריי, אזוי „נאַטירליך״, מיט אזויפיל „אויסדרוק״, אז עס דאַכט זיך אַזש, זיי קרומען זיך נאָך ווי אזוי צאַפּעס „מאַכען״ — זיי ווירקען פּאַראָדיסטיש.

און מען טראַכט זיך אין פלונ: מילא, ה ע כ ע ר קען עס דאָך שוין נעווים נישט געהן. אזא מין „יונג־אידיאָטיזם״ — נעגען אלע כללים פון גראַמאַטיק נאָך אַלץ דער ריכטינסטער סופערלאַטיוו פון דעם לאָזער „יונג־איד״ — וואָלט דאָך אייגענטליך באַדאַרפט זיין גענוג, אויף צו פאַרזיכערן איינמאָל פאַר אַלעמאָל דער מזרח־שטאָדט לאָדז אַ „מזרח־שטאָדט״ אין דעם קלייזעל פון „יונג־אידישער״ פּאָעזיע און איינצושפּאָרען איהר אויך להבא די טרחה פון ווייטערדיגע פּ־אָדוקציעס. אָבער עס ווייזט זיך אָרויס, אז עס געהט דאָך נאָך העכער:

— העי הענדלער און וואַנדלער, העי קויפער פאַרקויפער!
איך רוף איצט, וואו ס׳האָט נור הער הלל אַ ברעג.
איך רוף מיט מיין שווייגען, איך רוף בקול שופר:
העי הענדלער און וואַנדלער. העי קויפער, פאַרקויפער! א. אז. וו.

(משה בראָדעריזאָן, „פערל אויפן בריק״).

און עס האָבען זיך איינגעזאַמעלט צו איהם אלע די הענדלער און וואַנדלער, קויפער און פאַרקויפער, און זיי האָבען געבילדעט — נישט קיין האַנדעלסאַנגעשטעלטען־פאַרבאַנד — נור די לאָדזער דיכטער־שול. און זיי האָבען „אויף פאַרשידענע קולות״ גענומען זינגען „ליבע, התלהבות, צווייפעל און אומעט״ — און קיינער, קיינער האָט נישט מעהר געצווייפעלט, אַז דער „אומעט״ נעמט זיך פון זיי, און אַז די ליטעראַרישע מרה שחורה קומט דירעקט פון לאָדז.

וואָרין בשעת די „אינטראָספּעקטיוויסטישע ברידער אויף יענער זייט ים״ האָבען דאָך דעם גרויסען האָריזאָנט, ברייטערע בלוף־מעגליכקייטען, וועלטמענישען שניט, בשעת די אמעריקאַנער האָבען דאָך וועניגסטענס די טעכנישע הנחות פאַר זייער בלעבענעם טאָם־טאָם, האַלט מען אין לאָדז אין איין אויפשטעהן „תחית המתים״ און דער וויסטער קאַלאַמבור, דער גרויזאַמסטער מישמאַש צווישען: כביכול, משה רבנו, מאָהאַמעט, ישו הנוצרי, טרימורטי, בראַהמאַ, בודדא, פראַנציסק פון אַססיזי, בעל שם טוב, ל״ו צדיקים, דער קאָצקער ז״ל, מיקעל אַנדזשעלאָ, אַשמדאי, מלאכים, כרובים, שרפים און פאַרשידענע אַנדערע השובע לייט און פיינע יודען, געהט שוין פשוט אריבער אַלע גרעניצען. דער „דיכטער״ בראָדערזאָן האָט זיך אליין אריבער־געשפרונגען — און מען פאַרצווייפעלט ממש איבער די שוין כמעט אומבאַגרע־ניצטע דימענזיאָנען פון דער דאָזיגער גייסטיגער באַנרעניצקייט.

אבער דער „מאַכטיגסטער״ לאָדזער מלך איז נאָך אַלץ דער ווינער ראַוויטש — דאָס איז אין איינעם: מלך ראַוויטש. און אָט די צוויי־איינקייט, די איינקייט סיי מיט דעם אייגענעם דיכטערישען טאַלענט, וועלכעס שטעלט איהם אַוועק אין איין שורה מיט אמת׳ע דיכטער, סיי מיט דעם עקספּרעסיאָניסטישען ירוד, וועלכען ער, ווייזט אויס, פאַרגינט נישט דער לאָדזער קאָנקורענץ אויף בידע זייטען ים — אָט די צוויי־איינקייט, נאָך וועלכער מלך ראַוויטש יאָגט זיך אַרום מיט אַזאַ אומפּעט, אין אייביגען פחד, הלילה נישט צו פאַרזוימען עפּעס, אפשר דאָ און אפשר דאָרט, דרוקט זיך בולט אויס אין זיין דיכטערישען שאַפען. מלך ראַוויטש האָט אָהן אַ ספק דעם קינסטלערישען כח, דעם אמת׳ן טאַלענט צו שאַפען דיכטערישע ווערטען, ווי למשל:

עפּיס אַנדערש איז דער טויט ווי אַ פרוי, וואָס ליגט אויסגעשטרעקט אויף דער הוילער ערד,
און ווי די ליכט צוקאָפּענס, וועלכענס פלאַמען בייגען זיך ביי יעדען עפען פון דער טיר,
און ווי די ווייבער, וועלכע קלאָגען וואַסער־יאָמער טרערען וואַסער,
און ווי דער מאַן, וואָס שטעהט אַן איינזאַמער, פאַרוויינטער, בלאַסער,
און ווי די קינדערלעך, וועלכע רייסען מיט די קולות אין די הימלען.

דער טויט, דאָס איז אַ מת, פון אַ קינד, אַ זיבענטאָגיגס
אין אַ האַרבסטיגען פאַרנאַכט
פאַרשלאָגען אין אַ קעסטעל, וואָס איז אכצען צאָל די לענג,
און געטראָגען פון אַן אַלטער פרומער באָבע
איבער פעלדער, ביז אַרויס צום שטילען בית הקברות,
וואו דער רעגען קליגגט אויף די מצבות
זיינע האַרבסטיגע געזענג.

דער טויט, דאָס איז אַ מת פון אַ קינד, אַ זיבענטאָגיגס
אין דער נאַסער, שוואַרצער, קאַלטער ערד פאַרשאַרט,
און אַז די באָבע איז אהיימגעקומען, האָט מען זי שוין אָבגעוואַרט
מיט אַ וואַרעם גלאָז פול קאַווע, און מיט זאַפטיג שוואַרצען ברויט —
דאָס איז דער טויט.

(מלך ראַוויטש — „טויט״, ציקל)

אָבער אַז מען דאַרף געגייטיג מיטטאַנצען אויף אַ לאָדזער „התונקע", געפינט ער נישט קשה, אויך די נויטיגע געשמאַקלאָזיגקייט — אויב נישט נאָך ערגער — צו „מאַכען" אָט אזוי:

אָ גייסט, אָ גייסט, אָ דריימאַל גייסט!
אָ נעם דאָס העמד — אָ וואַרט נאָך וואַרט!
נעם מיינע קניעס, נעם די הענד!
אָ נעם מיין לייב!
אָ גנה — — איך בלייב
אָ זעה: איך בלייב — —
כ'בין לויטער גייסט.
אָ זעה איך טאַנץ, כ'בין לויטער גליק;
אָ זעה מיך הויך —
אָ זעה אַנטפליהען מיך, אַנטפליהן!
כ'בין גאָטעס — זוהן. — —

(„ראַינעגראָז זייט 7)

און ערגער, ערגער, לכל הפחות דריימאָל ערגער איז, וואָס אַ בלעטעל וויטער שטעהט אָט אַ דאָס:

אָ וואונדערליך, וואונדערליך, וואונדערליך הייגט;
יאהרטויזענדען קומט, לאָמיר טאַנצען פאַראיינט —
טייכען און דערפער און הייליגע שטעט —
אַנטלייבט איז דער גייסט,
און פאַרגייסטיגט דאָס לייב,
און דערהערט דאָס געבעט.
און גרויס איז דער גאַסט אונטער אונז,
און גרויס איז זיין נאָמען, און אַלדינגס איז פריי —
אָלהי — —

(ראַינעגראָ, זייט 9)

א ל מ א י ? — — —

און מען איז שטילערהייד מקנא די קומענדיגע דורות, וואָס זועלען זוכה זיין, נישט מיטצולעבען מיט דעם דאָזיגען „יונגען דורי" און מיט זיין גייסט.

און נור וויל מיר, די פאַר־משפּט'ע צו אָט דער „גרויסער" געגענוואַרט, מוזען זיך מיט אונזער גאַנצען גייסטיגען זעלבסט־דערהאַלטונגס־דראַנג, וועהרען קעגען דער דאָזיגער שרעקליכער משא, געגען די באַרבאַרישע אַטאַקעס פון דער גראָבער קוואַנטיטעט אויף דער זעלישער איבערלעבונג. דערפאַר און נור דערפאַר זענען מיר בעצוואונגען, אַ רגע זיך אַנצוקעהרען מיט די דאָזיגע גרעסטע „יונגסטע", כדי זיך פון זיי איינמאָל פאַר אַלעמאַל אבצוקעהרען און אויסצוליפערן דעם דאָזיגען „יונגען דורי" צו דער געשיכטע, צו דער אויסגלייכענדיגער גערעכטיגקייט. די ליטעראַטור־געשיכטע טאָר זיך נישט האַלטען פאַר גרינג, אפילו אָט די שווערע האָלץ־האַקערס און וואַסער־טרעגערס פון דער פּאָעזיע, וועלכע זענען אויבען דערמאַנט געוואָרען.

— „אָבער צי איז דען נאָך דעם אלעמען באַוויזען געוואָרען, אז לויט דעם און דעם עסטעטישען פּאַראַגראַף זענען עקספּרעסיאָניסטען און אימזיכיסטען נישט קיין דיכטער? און צי איז דען נישט פאַרהאַנען קיין אינטראָספּעקטיוויסטישער שולחן ערוך, וועלכער פּסק'ענט גאַנץ אנדערע דינים?"

אויף דער דאָזיגער שאלה בין איך נישט מעהר מחויב צו האָבען אַ תירוץ, און איך זועל דערפאַר נור וויטער ציטירען:

איך בין פֿון זייערע משוגע׳נע געשרייען
אין פּאַרק אַנטלאָפֿן. הערבסט. איצט געהט דאָ קיינער ניט.
די הענד פֿאַרלעגט אַזוי, מיט שטילע מידע טריט
געה איך אַרום אין שטילע ליידיגע אַלעען.

און די לבנה דורך די גרויע דאַרע צווייגען
ווי איך — אַ רוהיגע, ווי איך — אַליין, און בלייך
מיט ווייסע שטראַהלען עפּעס כשוף׳ט פֿון דער הויך,
און לייטערט אַרום מיר דאָס היטענדיגע שווייגען.

און מיר פֿון דער לבנה׳ס כשוף׳דיגע שטראַהלען
אַ שטילער און אַ ציטעריגער בלייב איך שטעהן.
איך שטעה און האָרך און קען פֿאַרשטעהן
פֿאַרוואָס די שאָרכענדיגע געלע בלעטער פֿאַלען.

דאָס אָבער האָט געשריבען מאַני לייב, איינער פֿון יענער דיכטער־גרופּע, וועלכע איז פֿאַר די „אינטראָזיכיסטען״ פֿון ביידע זייטען ים שוין פֿון לאַנג געוואָרען — היסטאָריע.

און אָט צוליב דער היסטאָריע מיין איך: דער אייביגער קולטורגעשיכטליכער אַנטאַגאָניזם צווישען אַלטע און יונגע, יונגע און יונגסטע האָט באַקומען זיין זין, זיין טיעפֿע באַדייטונג ערשט מיט דעם פֿאַקט, וואָס דער דאָזיגער קאַמף איז געווען אַ גייסטיגער, געפֿירט אין נאָמען פֿונם גייסט, ד. ה. אין נאָמען פֿון דעם שאַפֿערישען אורשפּרונג, פֿון דער אורשפּרינגליכקייט און צייטלאָזיגקייט. קונסט איז קאָנסערוואַטיוו — און עס וועט שוין נויטיג זיין אַ זעהר ראַדיקאַלע רעוואָלוציע, כדי אַרויסצוראַטעווען דעם דאָזיגען טיעף פֿאַרשאָטענעם אמת פֿון אונטער די גייסטיגע חורבות פֿון די „צייטען״. ביז דעמולט אָבער וועט מען רוהיג וואַרטען. די אַלטע קונסט וועט איבערלעבען איהרע יונגסטע „יונגסטע״, פּונקט אַזוי ווי די דייטשע ליטעראַטור למשל האָט איבערגעלעבט איהר „נירנבערגער ליוקע״ (טריכטער), דורך וועלכער מען האָט, ווי באַקאַנט, געקאָנט אַרייניסען אין קאָפּ אַריין די גאַנצע „טייטשע״ פּאָעזיע — על רגל אחת. אויך דאָס איז געווען אַ דיכטער־שול. אויך זי איז געווען רעוואָלוציאָנער און האָט בשעתה געפּרעדיגט די „נייע״ אויסדרוקס־פֿאָרם, די שפּונעל־נייע — פּונקט אַזוי ווי היינט. נישטאָ זיך באמת וואָס איינצורעדען. אַלץ איז שוין געווען אַמאָל און אייביג, אייביג איז — דער שאַרלאַטאַניזם.

## מוישע ליוושיץ / די ליבע

אין הימעל־בלאָע פֿרילינגסטעג
שטייט די אַלטע באַסמאַלקע אַפֿ׳ן וועג.
אין אירע אויגן בוימל ברענט.
זי האָט אויסגעשטרעקט אירע דאַרע הענד
און מיט אירע פֿאַרטריקענטע ליפּן
שטאַמעלט זי די אַלטע, איינגעכאַזערטע ווערטער:
— האָט מיך ליב!

פֿאָרט דער גראָער בען מיילאַך אָן
אין רייט צו איר צו
ביי די הענט כאַפּט ער זי מיט ליידענשאַפֿט אָן
און כליפּעט פֿאַר פֿרייד: „אָ דו, אָ דו״.